# ירמיהו אהרן טאַוב

## צוויי לידער (פֿון אַן אָנטיטלדיקער סעריע)

.7

ווּ איז דער ״מאָזעס״ וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן.
אַ וואָרט איז געוואָרן אַ שפּראָך בעת זיי האָבן זיך גענענטערט.
ווער זײַנען זיי געווען; ווּ האָב איך זיי פֿריִער געזען.
נישט וויכטיק: מיר האָבן פֿאָרויסגעקוקט, ווײַטער געגאַנגען.
דעם טאַטנס האַנט ענגער אַרום מײַנער.

.11

גופֿים ווײַסע דורך גרין.
רויק אַרום אונדזערע קעפּ.
פֿון אַ ווינקל: שליסלקייט אַנטקעגן דײַן נאָענטן הויפֿן הויזן.
אַ ברוינער הוט אונטער אַ פֿאַרבלענדטער באָרד.
צוליב דעם געדענק איך.